Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Ṿinṭer

Brenner, Yôsēf Ḥayyîm
ברנר, יוסף חיים

Ṿarshe, 1936

ט

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8203

Visual Library

# ט

די יאָרן, וואָס איך האָב אָפּגעפּוילט אין קלויז, טיילן זיך אויף צוויי תּקופות: צוערשט בין איך געווען אַ נאַאיווער ישיבה-בחור געליטן, געווען צופרידן, אַ שעמעוודיקער און אַ משונהדיקער בחור—אָבער אַזאַ וואָס שאַצט אָפּ זיין ווערט. איך האָב געפילט, אַז ס׳איז דאָ אַ באַליידיקונג אין דעם, וואָס איך עס טעג, אָבער צוליב דעם וואָס איך עס צדקה-ברויט זענען דאָך דורך מיר מיינע ברויטגעבער מקיים די מצווה פון שטיצן לומדים, נאָר דערפאַר, וואָס מיינע ברויטגעבער קוקן אויף מיר מיט גרינגשעצונג, דערפאַר וואָס ביי דער פּאַרנאַרישטער וועלט בין איך אַן איבעריקער „פּאַטראָן“, אַן אָרעמער בחור, וועלכן מען קאָן נישט פאַרגלייכן מיט אַ באַלעבאַטישן זון...

אין יענער צייט האָב איך באַטראַכט פאַר אַ חרפּה פאַרנעמען זיך מיט אַ וועלטלעך ביכל, שרייבן פלעג איך נאָר דברי-תּורה אין לאַנגע בריוו, און דאָס אויך זייער זעלטן. אין דער צווייטער תּקופה בין איך געווען ווי אַריינגעוואָרפן צווישן הימל און ערד. אויסערלעך מער אָפּגעלאָזן, אָפּט זייער ווייניק געלערנט און אַמאָל געלערנט מיט התמדה ביז די לעצטע כּוחות. אין יענער צייט האָב איך געלייענט פאַרשידענע ביכער. כ׳האָב מיט זיי געקעמפט, דערוויטערט זיך פון זיי, פאַרבענקט זיך און זיך אומגעקערט צו זיי. כ׳האָב שוין אויך געשריבן אַ סך און נישט בלויז דברי-תּורה. איך האָב פיינט געקריגן מיין לעבן, וואָס איז אָפּהענגיק פון אַנדערע, דאָס „בעטל-ברויט“, מיין געצוווּנגענע צביעות, מיין נשמה איז געווען דערדריקט, זי איז געווען געגליכן צו אַ באַלאַגערטע פעסטונג, וואָס האַלט

בײם אײנפּאַלן... מײנע יסורים זענען געװען די ספיקות־װערים,
װעלכע נאָגן אױס דעם יסוד, מײַנע חלומות — טױטע געטער...
כ׳װעל אָבער נישט גערעכט זײַן, אױב איך װעל זאָגן,
אַז אין דער ערשטער תקופה בין איך געװען תמימותדיק. מײַן
קריטישער גײסט האָט מיר קײנמאָל נישט פאַרלאָזן, ער איז נאָר
געװען באַגראָבן אונטער אַ גרױסן באַרג פון מנהגים, מיי·
נונגען און ספרים — ספרים אָן אַן עק און אָן אַ סוף. קײן
געװײנלעכער ישיבה־בחור בין איך נישט געװען. עס האָט מיר
געעקלט, װען ס׳פלעגן זיך צוזאַמענקלײַבן מײַנע חברים באַ·
רײדן דאָס עסן, װאָס מ׳פלעגט זײ געבן „אױף אַ שמוציקן זאַק
אין קיך”. זענט איר דען געקומען אַהער נאָר צוליבן עסן צו·
זאָגן? אין אַ מקום־תּורה זענט איר דאָך געקומען! און עס איז
איבעריק צוגעבן, אַז איך האָב נישט פאַרמאָגט אין זיך עפּעס
פון די גליקלעכע און מזלדיקע, װעלכע באַטראַכטן זײער לאַגע
אין דער געזעלשאַפט פאַראומבּכבודיקע, אױך ס׳מאַכט זיך זײ
אַ „טאָג” צו עסן אױף אַן אָנגעזעען אָרט, צו האָבן פּרנסה פון
זאָגן תּהילים, לערנען משניות, צו באַרימען זיך מיט דעם
„גבירס” גוטהערציקײט, װעלכער גיט אַ „זעקסער” אױף פרישטיק,
אָדער די „גבירטע”, װאָס פלעגט זײ געבן צװײ טעלער גע·
קעכץ מיט רײַן ברױט. איך האָב קײנמאָל נישט ליב געהאַט
זיך װאַשן און אױספּוצן זיך ערב־שבת װי אַ „ליאַלקע”, נישט
פאַרלירנדיק דערבײַ דעם „פּאַטראָנישן אױסזען”, צו בלעטערן
בשעתן דאַװנען דעם „קצות”, צי דעם „נתיבות” מיט אַ שרעק·
לעכער פאַרטיפטקײט. צו שעצן זיך איבערגליקלעך װען ס׳גע·
לינגט מיר צו דערהײבן זיך דורך דערנידעריקן מײַן חבר.
איך בין װײַט געװען פון דעם אַלעם. דערפאַר אָבער האָט
עובדיה געפונען אין מיר אַנדערע חסרונות. ערשטנס: אַ שטרע·
בונג אָפּצוזונדערן זיך אין אַ באַזונדער קלױז און נישט אין
ישיבה; צװײטנס: פּשטות און נישט קענען פּשטלען זיך און
זאָגן סברות; דריטנס: האָב איך געהאַט אַ מאָדנע נאַטור פאַר·
לאָזן אײן ישיבה אין שטאָט און אָנקומען אין דער צװײטער,
בעת אַזױ פירט זיך נישט; פערטנס: דער „טאָג”, װאָס איז

פֿריער געווען דער בעסטער, דער נאָענטסטער צום בית־מדרש און מיט אַלע מעלות, איז נאָך אַ קורצע שטיקל צייט מיר מיאוס געוואָרן און איך האָב אים פֿאַרלאָזן נאָך איידער ווי איך האָב געקראָגן אַ צווייטן, אין דער צייט, ווען אַנדערע עסן אויף איין אָרט צוויי יאָר און מער; פּינקטלעך: דאָס מפסיק זיין אין לערנען, מיר זיצן און לערנען, דאַכט זיך מיטן גאַנצן כּוח, און דער מוח איז פֿול מיט געדאַנקען וועגן דער נויטיקייט פֿון לערנען, וועגן גליק ווען מ'איז קלאָר אין ש״ס, וועגן לערנען אויבערפֿלעכלעך און טיף, און פֿון דער זייט קומען גאָר אָן אַנדערע געדאַנקען, וואָס האָבן גאָרנישט קיין שייכות צו דעם, איך בין מפסיק און זאָג עפּעס מיינעם אַ חבר... און מיר רעדן אַ לאַנגע צייט וועגן פּוסטע זאַכן... און דער לעצטער חסרון איז דער גרעסטער: אַפֿילו אין דער בעסטער תּקופֿה, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט התמדה און יראת־שמים, האָב איך ליב געהאַט צו רעדן וועגן דער נבֿואה, דער אַגדה אין תּלמוד, עולם־הבא און נאָך אַזעלכע זייטיקע ענינים, וועלכע גייען אַרויס פֿון געביט פֿון למדנות. און מיין התלהבֿות דאַן איז געווען גרעסער ווי בעת כ'האָב געלערנט די דינים „טוען ונטען" אָדער „שרץ בכעדשה".

די „קורצע שורות" האָבן פֿאַמעלעך פֿאַרנומען אַן אָרט אין מיין וועלט. ס'זאָלן זיך געפֿינען אַרום מיר ספֿרים געשריבן העבראיש און איך זאָל זיי נישט אָנרירן — דאָס איז געווען אַ זאַך, וואָס איז אוממעגלעך. איך פֿלעג לייענען אַסך. טראָץ דער שוועריקייט צו באַקומען ביכער, טראָץ דער ווירקונג פֿון דער סבֿיבֿה, דער מורא פֿאַר די קאָנסעקווענצן. דאָס ווייסן, אַז מ'טאָר נישט, טראָץ עובֿדיהס דערמאָנונג, אַז ווען מיר וועלן זיך אומקערן אַהיים, וועט מען דאַרפֿן אָפּגעבן אַ דין־וחשבון, אין וואָס מיר האָבן פֿאַרבראַכט אונזער צייט. אָבער פֿון דער צווייטער זייט האָט די נייע העבראישע ליטעראַטור נישט געקענט מיטאַמאָל געווינען מיין האַרץ, ווייל איר שונא, דער באַשיצער פֿונעם אַלטן, וואָס איז אין מיר געזעסן, פֿלעגט זי קענען מבֿטל זיין מיט איין וואָרט: מעשׂיות! און

נאָכמער, ער האָט געהאַט די מעגלעכקייט צו דערוועקן אַ חשד בײַ מיר אין האַרצן: וויבאַלד דו האָסט הנאה דערפֿון — דאַרף מען דאָך דאָס נישט לערנען, און דו גיסט זיך דערמיט אָפּ, ווײַל דו ווילסט נישט אַרבעטן, נאָר דו ווילסט בעסער הנאה־האָבן.

יאָ, אין אַ באַגרעניצטער מאָס, אָבער אָן אַן איבעררײַס, אַ שטיל וואַסער, וואָס גראָבט, טיף האָבן אויף מיר משפּיע געווען די נײַע ביכער, וועלכע כ׳האָב געשלונגען. ביסלעכווײַז האָבן זײ געענדערט מײַן פֿאַרווילדעטן געדאַנק, האָבן אויסגע־גלײַכט די מײנונגען, וואָס האָבן זיך איינע די אַנדערע סותר־געווען, וועלכע זענען בײַ מיר רואיק געלעגן, ביז אַ לעבעדיק ווינטל האָט זײ נישט באַרירט, און זײ האָבן אַרויסגעטריבן די נאַרישע און ווילדע גלויבונגען, וועלכע האָבן גענעסטעט אין מײַן פֿאַרבאַלזאַמירט האַרץ, און דער קאַמף איז געווען אַ לאַנגער...

אַ פּשוט בילדל פֿון לעבן, וואָס האָט מיט דער צײַט דערוועקט בײַ מיר אַ געשמאַק אונטערצעשײדן צווישן שײן־געשריבענעם און סתּם־געשריבענעם, האָט אויך אויפֿן געביט פֿון רעליגיע און גלויבן אויפֿגעטאָן אַ סך מער ווי אַ גאַנץ בוך מיט משׂכּילישע אויפֿווײַזונגען, אַז „די תּורה און די השׂכּלה זענען צווילינג־שוועסטער, צוזאַמענגעהעפֿטע און צונויפֿגעבונדענע, וועלכע וועלן זיך קײנמאָל נישט צעשײדן“. די דאָזיקע אויפֿווײַזונגען האָבן זיך באַמיט מיך צו איבערצײַגן, אַז מען מעג „על פּי דין“ לערנען אַ פֿרעמדע שפּראַך, אַז די כּוונה פֿון דער אָדער יענער אַגדה קען מען נאָר געפֿינען על פּי דרך החקירה, אַז דער און יענער נס האָט אין זיך עפּעס נאַטירלעכעס, און אַז אַזאַ אָדער אַנדערע חומרה האָט נישט קײן יסוד אין די ראשונים — בעת די קינסטלערישע לעבנס־בילדער, די מענטשלעכע דיכטונג, האָבן אַנטוויקלט דעם מענטש אין מיר, מײַן לעבעדיק האַרץ, וואָס האָט גאָרנישט פֿאַר נויטיק צו פֿרעגן, וואָס שטײט אין יענער מסכתא אויף דעם און דעם דף; ס׳האָבן זיך מיר געעפֿנט די אויגן, למשל, צו זען

דוד-המלכן אָן אַן אַטלעסענער זשופּצע, אין וועלכע ס׳האָט אים אָנגעקליידט דער גלותדיקער געדאַנק, און דער העלד-דיכ-טער, דער אוראַלטער מלך, האָט אויפגעהערט אויפשטיין אָפּצו-ריכטן חצות, צו פאַסטן און איינצוריכטן די הענט זיינע „בשפיר ושליה". פון אַלע מענטשן פון דער פאַרגאַנגענהייט, פון די העלדן פון תנ״ך און פון תלמוד, זענען אַראָפּגעפאַלן די שמוציקע קליידער און מאַנטלען, אין וועלכע עס האָט זיי אַרומגעהילט די פאַנטאַזיע פון אונזער גלות-ליטעראַטור און האָט פון זיי אַזוי-אַרום געמאַכט משונהדיקע שאָטנס. פּוילישע יידן, וואָס שאָקלען זיך אין טלית ותפילין.

פון דער קאַמף-ערנסטקייט פלעג איך צייטנווייז אַריבער צו לייכטזין און געלעכטער, אַ געלעכטער, וואָס האָט אין זיך זייער ווייניק פונעם פראָסטן חוזק, בעיקר איז ער פון יענעם געלעכטער, וואָס גאָט אַליין, כביכול, לאַכט.

— „אַברהם אָבינו האָט מקיים געווען אַלע מצוות, אַפילו עירוב-תבשילין אויך" — דערמאָן איך זיך פלוצים אינעם תל-מודישן מאמר, בעת איך און עובריה האַלטן ביי עפּעס אַ „חולצת ולא מתיבמת", אָדער ביי „צרורות", „רוכב ומנהיג" אָדער „מיפך והזמה"...

— נו, טאָ וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָס אַהער?

— ס׳האָט נישט קיין שום שייכות... ווען אונזער מומע שרה פלעגט אום יום-טוב שני, אום יום-טוב של גליות, קאָכן אויף שבת, פלעגט אַברהם אָבינו נעמען אַ שטיקל פיש, אַ חלה, פלעגט אָנטאָן די יאַרמלקע אויפן קאָפּ און מאַכן אַן עירוב-תבשילין.

— ירמיה! דו לאַכסט אָפּ פון דעם, וואָס די חכמים האָבן געזאָגט?

ווי אַ נאָדל וואָלט מיר אַ שטאָך געגעבן אין האַרצן.

ל׳גיב דיר נאָך, צדיק מיינער... איך פאַרשטיי נישט און ער זאָגט מיר: „לאַכסט אָפּ"...

— נאָר דאָס אַליין פאַרשטייסטו נישט? און רבה בר בר חנהס מעשיות פאַרשטייסטו יאָ? און „סבי דבי אתונא" פאַר-

שטייסטו? און „תּנור של עכנאי” איז עפּעס אַ פּשוטע זאַך? „דער באָקסערבוים איז אָוועקגעגאַנגען פון זיין אָרט”... וואָס? דאָס זענען מאַמרי חז״ל!

— אַוודאי, „מאַמרי חז״ל”... איז עס רעכט לויט די, וועלכע זאָגן, אַז די מאַמרים דאַרף מען נישט טייטשן פּשוט; אָבער פרעג דעם רוב פון אונזערע גדולים, וועלן זיי דיר זאָגן, אַז ווער עס גלויבט נישט אין די אַלע זאַכן פּשוט, אַזוי ווי זיי זענען געשריבן — יענער איז בכלל אַ כּופר אין די רייד פון די חז״ל.

— הערסטו, חכם!.. אָט דאָס איז דאָך די מעלה פון אונזער תּורה, וואָס זי איז ווי „אַ האַמער, וואָס צעשפּאַלט אַ פעלז”, יעדערער געפינט אין איר, וואָס ער וויל. וואָס דאַרפן מיר וייט זוכן? אָט האָסטו ערשט פאַרענטפערט דעם „פּני יהושעס” אַ פּילפּול, אויף דער סוגיא, אויסווייזנדיק, אַז זיין קשיא פון ר׳ אליעזרן אויף ר׳ אליעזרן איז גאָר קיין קשיא נישט, ווייל דאָס האָט געזאָגט ר׳ אליעזר און דאָס אַנדערע — ר׳ אליעזר... איז וואָס, מיינסטו, אַז דעם „פּני יהושעס” פּילפּול...

— איז נישט איבערגעגעבן געוואָרן אויפן באַרג סיני?...

— פּונקט ווי יעדע זאַך, וואָס אַ תּלמיד ותיק וועט מחדש זיין!.. פּרד״ס...

— און „ווי להון לבני-נשי, דחזין לבושא ולא חזין נשמתא” — ווי איז צו די מענטשן, וואָס זעען דעם לבוש און זעען נישט די נשמה — ... אָבער ווער איז געווען דער מחבר פון „זוהר” לויט דיין מיינונג?

— פאַרוואָס טאַקי נישט ר׳ שמעון בן יוחאי?

— און ר׳ שמעון בן יוחאי דערמאָנט רב המנונאן? און ר׳ שמעון בן יוחאי זאָגט: „האָט אָנגעהויבן ר׳ שמעון בן יוחאי”? און ר׳ שמעון בן יוחאי, וואָס אין תּלמוד, איז אויך אַזאַ בעל-נסתּרות?

— דאָס איז קיין קשיא נישט! צוליב אַזעלכע טענות וועל איך נישט פאַרלאָזן דאָס, וואָס איך האָב איבערגענומען פון מיינע עלטערן. און וואָס וועסטו זאָגן דערצו וואָס אין

דער תּורה שטייט: „האיש משה עניו מאד", „וידבר משה" און דאָס גלייכן? זאָלן מיר, הייסט עס, זיין קליגער פון אונ־זערע עלטערן? מיר ווייסן דאָך גאָרנישט...

— פון אונזערע עלטערן? טאַ בכן, איז „אויב די אַמאָלי־קע זענען געווען מענטשן, זענען מיר אייזלען"?

און נישט ווי ר' פנחס בן יאירס אייזל! — פאַרגעסט מיין מיטשמועסער פּלוצים וועגן וואָס מיר רעדן און ער צע־לאַכט זיך מיט פאַרגעניגן.

— נו!.. און לערנען זיך — אמת, דערמיט ביסטו גערעכט...

די באַדערפעניש זיך צו לערנען איז דאַן געקומען פון זיך אַליין. ס'האָט זיך געגויטיקט דערין די אויסגעליידיקטע נשמה, וועלכע האָט באַגערט זיך אָנצופילן... אָבער די ישיבה איז נישט געווען קיין לערן־אַנשטאַלט...

בין איך אַרומגעגאַנגען ווי אַ שאָטן.

מורא האָבנדיק צו פאַרלירן די צייט האָב איך אויף דער וויילע „אַלץ" איבערגעלאָזט און האָב מיך אַריינגעטאָן אין די אַלטע לימודים מיט אַ דערפרישטן גייסט, אָבער דער האָט קיינמאָל נישט געדויערט לענגער ווי אַ וואָך צוויי, דריי:

— ירמיה! ס'איז דאָך שוין באַלד אַ חודש, אַז מיר לער־נען גאָרנישט.

— נו!..

— „ווער ס'איז אין כעס, איז געגליכן ווי ער וואָלט גע־דינט עבודה־זרה".

— וואָס ווילסטו?

— איך זאָג, אַז רק דו זיצסט און טראַכסט, וויאַזוי דו וועסט שפּעטער לערנען, און לעת־עתה...

—„און לעת־עתה"... „און לעת־עתה"... איך קוק טאַקע דער עיקר אויפן „שפּעטער", אויף דער צוקונפט, די האָפענונג איז בעסער ווי דאָס לעבן... און איצט, איצט... איצט איז נישטאָ קיין שטראַל־ליכט, נישטאָ קיין פונק אַפילו... איצט וואַלגער איך זיך אין בלאָטע, עס אין פרעמדע הייזער און

דריי זיך אַרום מיט אַן אויסגעמאַטערטער נשמה"... געדענקסט דאָס? איצט קען איך גאָרנישט טאָן, ווייל איך מוז אָנקומען צו אַנדערע... ווי גוט וואָלט געווען, ווען איך לערן מיך אויס עפּעס אַ מלאָכה, כ'זאָל נישט דאַרפן זיין ווי די אַלע בטלנים, וואָס עסן „אומזיסט ברויט"... דאָס זענען דאָך גראָבע יינגען, דער עולם, וואָס דו זעסט, זיי ווייסן דאָך אַפילו נישט פון דאַנען אַהער ווען סדר פון די תּנאים און אמוראים, דער לידער קען דאָך דיר זאָגן, אַז ר' עקיבא איז געווען נאָך ר' אַשי און רבינאן. ניין, עובדיה, איך פאָר אַוועק פון דאַנען. לאָמיר אַוועק פון דער ישיבה, מירן אַרויס אין עפּעס אַ גרויסע שטאָט, דאָרטן וועלן מיר זיך לערנען ווי ס'דאַרף צו זיין, דאָרטן וועלן מיר ווערן מענטשן...

אָבער ס'זענען נאָך דורכגעגאַנגען חדשים גאַנצע ביז מיר האָבן באַשלאָסן, חדשים נאָכדעם, ווי מיר האָבן שוין געהאַט באַשלאָסן, — און אונזער באַשלוס איז נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן...

דאַן איז געקומען דער געצוווּנגענער צופאַל און האָט אַוועקגעלענקט די זאַך אויף זיין שטייגער.

וואָרים אין יענער צייט פלעג איך זייער אַ סך שרייבן, דאָס דאָזיקע שרייבן, וואָס איז אַרויסגעלאָפן פון מיין שטאַרקן אינערלעכן געפילן־געראַנגל, איז אין גרעסטן טייל באַשטאַנען פון נאָכמאַכונגען און פּאַראָדיעס אויף די שירים, דערציילונגען, אַרטיקלען און פעליעטאָנען, וועלכע איך האָב געשלונגען נישט איבערקלייבנדיק. עובדיה און נאָך עטלעכע פון אונזער אינטימער חברה האָבן מיר געראַטן, איך זאָל אַוועקשיקן די פּרוכטן פון מיין גייסט ערגעץ אין אַ רעדאַקציע, נאָר איך, וועלכער האָב געהאַט אַ הייליקן ציטער פאַר יעדן געדרוקטן וואָרט, האָב געהאַלטן, אַז מיינע כּתבים וועלן זיכער נישט טויגן; ס'איז מיר געווען גענוג דאָס, וואָס איך האָב געטרוימט, אַז מיט דער צייט וועל איך נאָך מן הסתּם זיצן אין עפּעס אַ רעדאַקציע. דערווייל האָב איך באַשלאָסן אַליין צו ווערן אַ רעדאַקטאָר. עובדיה און נאָך עטלעכע פון די זיך־משכּילנדיקע,

וועלכע האָבן מיך דערנאָך פאַרמסרט פאַרן משגיח, האָבן אַ גענומען מיין פאָרשלאָג מיט התלהבות, דער נאָמען פון אונזער צייטונג איז געווען „דאָס קליינע ליכט אויף צו לייכטן אין דער ישיבה"; די אַרטיקלען — פאַרשידענע וויכוחים צווישן תורה און השכלה, צווישן אָרים און רייך, צווישן ישיבה-בחורים און באַלעבאַטישע קינדער, צווישן אמונה און חקירה, חסידים און מתנגדים, צווישן נאַציאָנאַליסטן און אַסימיליאַטאָרן, די לעצטע צוויי באַגריפן האָבן מיר גענומען אויף באָרג ביי דער פרעסע, נישט פאַרשטייענדיק קלאָר זייער טייטש. דער נאָמען „נאַציאָנאַליסט" איז ביי אונז געווען אַ באַזונדער חשובער נאָמען, אַן ערנטיטל, און דער נאָמען „אַסימיליאַטאָר" — אַ זידלוואָרט, אַ צילברעט פאַר די פיילן, וואָס מיר פלעגן אין אים וואַרפן, ווי העלדן משכילים. פאַרשטייט זיך, אַז וואָס שטעלט מיט זיך איינגנטלעך פאָר אַן אַסימיליאַטאָר, האָב איך נישט געוואוסט, ס'הייסט, איך האָב אים קיינמאָל נישט געזען, נאָר אַנדערע זאָגן, אַז ער האַלט: „לאָמיר זיין גלייך מיט אַלע פעלקער, מיר נויטיקן זיך נישט אין ציון און ירושלים". און ציון איז אין יענער צייט געווען — מיין געליבטע, מיין בעסטע מיין שענסטע. —

נישט ווייט פון אַ קרענק איז געווען יענץ געפיל, מיט וועלכן איך האָב געלעבט, איך בין דער רעדאַקטאָר, זיץ דורך די נעכט און קוק דורך דעם מאַטעריאַל פאַר מיין זשורנאַל און רעדאַגיר און צייכן און שרייב און מעק און פאַרריכט. מיין אַרבעט האָט מיר אויסגעזען ווי אַ הייליקע אַרבעט, מיינע געפילן — די געפילן פון אַ מלחמה-זיגער. די צאָל עקזעמפּלאַרן איז דערגאַנגען ביז איינעם. עס פלעגט ווערן איבערגעשריבן מיט אַ שיינער האַנטשריפט, צום פאַרגעניגן פון מיין מנין לע-זער און צו מיין פילשטענדיק גליק.

אָבער די גאַנצע זאַך איז געווען אַ פאַרבאָרגענע — און פלוצים איז מען פון איר געוואויר געוואָרן.

און אין איינעם אַ פאַרנאַכט, בין מנחה למעריב, האָט מען מיך צוגעשטעלט צום ראש-ישיבה. לעבן מיר — מיין אָפן

קעסטל, וואָס איז פול געווען מיט העפטן, אָפגעריסענע בלעטלעך, בויגנס און נאָטיצביכלעך. אַרום — אַלע ישיבה-בחורים, און מיינע מיטהעלפער צווישן זיי. אויף אַלעמענס פנים איז אויסגעדריקט אַ דערוואַרטונג-הנאה, אַן אויפגעהייטערטקייט און אַ פרייד מיט מיין דורכפאַל. אַלע טומלען זיך, אַלע רעדן אַלע פאַראורטיילן מיך, מיינע מעשים, און וואַרטן אויף מיין שטראָף. און איך זע אויס — ווי אַ גייסטלעכער, וואָס האָט לאַנגע צייטן געדינט זיין גאָט אין פאַרבאָרגעניש, און פלוצים איז מען פון זיין סוד געוואויר געוואָרן אין מאַרק, און דער המון לאַכט פון אים מיט אַ ווילד געלעכטער, שפעט אָפ פון זיינע אינערלעכע געפילן, שלעפט אַרויס דעם סוד זיינעם אינדרויסן אַרויס און טרעט מיט די פיס זיין גאָט...

אַ שטילקייט. אַלע הערן זיך צו צו די רייד פון ראש-ישיבה. די ענגשאַפט אַרום מיר ווערט גרעסער, דער ראש-ישיבה רעדט. אין זייגע אויגן ברענט אַ פייער, דאָס מויל שיט פונקען, עס קרענקט אים אויפן „בחור", וועלכער איז אַוועק פונעם גוטן וועג, וועלכער בלאָנדזשעט און גייט פאַרלוירן. ער הויבט אָן שטיל און זיין שטימע ווערט וואָס אַמאָל שטאַרקער. נאָך אַ קורצער הקדמה ווענדט ער זיך גלייך צו מיר און הויבט מיך אָן לויבן, כדי מיין חרפה זאָל זיין גרעסער:

— דו!.. דו ביסט תמיד געווען פון מיינע בעסטע תלמידים, איך האָב פון דיר געהאַלטן. דעם אמת מוז מען זאָגן: באַלד ווי דו ביסט אָנגעקומען, ביסטו געווען אַ גוט יינגל, האָסט געלערנט... און פלוצלינג ווער איך געוואויר, אַז דו שרייבסט...

— רבי! — קען זיך דער „מתמיד" נישט איינהאַלטן — נאַכט און נאַכט פלעג איך אים זען שרייבנדיק. כ'האָב געמיינט, אַז ער שרייבט חידושי-תורה... די חידושים פונעם רבינס תורה...

— רייס מיך נישט איבער, צבועק! איך רעד דאָך... — איז שווער דעם ראש-ישיבה צוצוקוקן דעם „חילול-השם", ווי מ'פאַרשוועכט דעם כבוד פון זיינס אַ ישיבה-בחור; ער שווייגט אַ ווײַלע און קאָכט זיך פלוצלינג שטאַרק אויף:

— זאָג מיר נאָר: וואָס איז דאָס פאַר אַ שרייבעכץ? זאָג! וואָס שווייגסטו? פאַרוואָס רעדסטו גאָרנישט? וואָס איז דאָס פאַר אַ זאַך, צוליב וועלכער דו האָסט אַליין אויפגעהערט לערנען און האָסט נאָך געמאַלט זינדיקן אַנדערע? צוואָס דאַרף מען דאָס דאָזיקע שרייבעכץ? אָבער וואָס שווייגסטו? וואָס שטייסטו ווי אַ גולם? ענטפער עפּעס, נו, זאָג, צוליב וואָס שרייבסטו?

— גלאַט אַזוי מליצות... — האָט אָנגעהויבן עובדיה, אָבער ער האָט זיך פאַרהאַקט און זיך אָפּגערוקט אין אַ ווינקל.

— מליצות? האַ, מליצות?! איך וועל דיך אויך נישט שוינען, חומץ בן יין... נאָך היינט וועל איך אָנשרייבן צו דיין טאַטן... חומץ בן יין... יאָ, דו! דו! מליצות — האַ? אַ שרייבער ווילסטו זיין? פאַרשפרייטן „מעשיות" אויף דער וועלט; ווילסט זיין אַ חוטא ומחטיא את הרבים? אוי, ירבעם בן נבט!.. אוי, פּוסט-און-פּאַסניק!...

און די דינע פינגער האָבן זיך צונויפגעקוועטשט אין אַ פויסט.

— מ'זאָל וויסן!.. — האָט זיך געקאָכט דער שלעגער — ס'זאָל זיין אַן אָנלערנונג!.. באמת איז עס גאָרנישט... סתם יינגלשע זאַכן... מליצות פון אַ שפּיל וועגן... אַ שיגעון אַזאַ.. ביסט אַן אומזיניקער, המ... „אַ תּלמיד-חכם, אַז ער האָט געטאָן אַן עבירה בייטאָג, זאָלסטו נישט נאָכקלערן אויף אים". המ... ס'איז גאָרנישט... איך וויים, אַז דו וועסט שוין מער נישט.. די תּורה, וואָס אין דיר, וועט דיך מחזיר למוטב זיין, כ'בין זיכער... און אויב איך האָב דיך איצטער אומזיסט פאַרשעמט — זאָל גאָט געבן, ס'זאָל שוין מער נישט קומען דערצו... און זאָל דיין סוף, חלילה, נישט דערמאָנען אָן דיין אָנהייב... פּע... איך עצע דיר ווי אַ טאַטע: וואַרף אַוועק, וואַרף אַוועק דיין נאַרישקייט... און איצט... זאָלן זיי וויסן, המ... גיי עס וועטשערע. האָסט דאָך היינט ווו צו עסן?

יענעם טאָג האָב איך געגעסן ביי די קלייטמאַנס. דער ערגסטער „טאָג" פון מיינע אַלע „טעג", און אַז איך בין אַרויס-

געגאַנגען נאָכן עסן פון שטוב, האָב איך געהערט הינטער מיר:

— אָט דאָס איז דאָס דער מיט די צעטעלעך — יאָ! מיט לאַנגע פאות און אַן אַפּיקורס!

— אַ „פּאַטראָן״ און צעטעלעך! — נישט דאָס און נישט יענץ — נישט עולם הבא און נישט עולם הזה — אַ פּאַטראָן כאַ־כאַ־כאַ — דאָס איז אויך אַ מענטש —

אויף מאָרגן זענען מיר, איך און עובדיה, אַוועקגעפאָרן אַהיים, אין אונזער געבורטשטאָט אַריין.

---